ווארשעווער שריפטן 1926/27

ד"ר יצחק שיפּער

אויפן וועג צו די אור-בילדער פון דער יידישער נשמה

/ וועגן די נייעסטע יידישע היסטאָרישע ראָמאַנען /

1

אין די לעצטע פּאָר יאָר איז די יידישע ליטעראַטור (אין ברייטן זין פון וואָרט) באַרייכערט געוואָרן מיט אַ היפּש ביסל געשיכטלעכע ראָמאַנען און ערצעלונגען, וואָס האָבן אין פלוג אויסגענומען ווי אַ באַפרידיגונג פון באַהאַלטענע, קינסטלערישע חלומות און ווי אַ דערפילונג פון געוויסע נאַציאָנאַלע בענקשאַפטן.

ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם רושם, וועלכן עס האָבן ביי אונז אַרויסגערופן ש. אַ ש ס „קידוש השם", „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליען" אָדער אָ פּ אַ ט אָ ש ו ס „פּוילישע וועלדער". איז עס בלויז דער ריין־קינסטלערישער, עסטעטישער מאָמענט, וואָס האָט באַפליגלט סיי די מחברים, סיי די געניסנדע לעזער, ווען זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער וואַנדערונג דורך די „בערג און וועלדער" פון אַלטע, לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטן? איז עס די „עקזאָטישע טעמע", דער אויסערגעוויינלעכער עפּיזאָד אין אונזער פיל־פאַרביקער געשיכטע, וואָס האָט אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע פון דעם קינסטלער־מחבר און משפיע געווען אויף דעם לעזער? און אפשר האָט זיך דער שטויס צו דער וואַנדערונג גענומען פון אַן עקל צו דער געגנוואַרט, פון אַן עקל, וואָס טרייבט אונז אַוועק פון די געגנוואַרטס־בילדער און וועקט אין אונז דעם פאַרלאַנג, צו פאַרלירן זיך אין „אַלטוואַרג", אין פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז וויט, העט וויט און קאָן אונז דעריבער נישט מער קרענקען, אויפרודערן, באַאומרויקן...? איז טאַקע די אמתע סיבה פון אונזערע מאָדערנע געשיכטלעכע ראָמאַנען און ערציילונגען: אַ ט י פ ע ר ג ע ג נ וו אַ ר ט ס־ פּ ע ס י מ י ז ם? אַ מין ברוגז מיטן לעבן, עפּעס אַ ביטער געפיל אַזאַ, וואָס קלינגט ווי דער באַרימטער ענטפער פון דאָסטאָיעווסקי: לעבן, דו האָסט ביי מיר נישט אָנגעפרעגט, צי איך וויל דעם לעבנס־בילעט, שיק איך דיר אים אָפּ!? אַ מין גלוסטינג, צו קאָנסטרוירן פאַנטאַסטישע בילדער לויט סוזשעטן, וואָס געפעלן און באַצויבערן?!

איך האָב אָנגעוואָרפן אָט די דאָזיקע פראַגן, באַנוצנדיק זיך מיטן מעטאָד פון געוויסע מעדיצין־דאָקטוירים, וועלכע קומען צו דעם לעצטן און זיכערן דיאַגנאָז, אָפּשטעלנדיק זיך ביי אַ ריי סיבות, וואָס האָבן ג׳צקאָנט אַרויסרופן אַ באַשטימטע ערשיינונג אינם אָרגאַניזם: עס ווערן

דאַן נאָכאַנאַנדער אַנאַליזירט די „סיבות״, איינע נאָך דער צווייטע
ווערט צעקלאַפּט מיט קעגן־אַרגומענטן, ביז עס בלייבן איינע צוויי־
דריי אַזעלכע „סיבות״, קעגן וועלכע ס׳לאָזן זיך נישט מער אויסטראַכטן
קיין שום קעגן־אַרגומענטן. — און אָט די דאָזיקע נישט וואַקלדיקע
„סיבות״ ווערן לסוף באַצייכנט אַלס אייגנטלעכע, אמתע סיבות
(שוין אָן גענזנפיסלעך !)

ענלעך האָב אויך איך אָנגעוואָרפן אַ רייע „סיבות״, וואָס האָבן גע־
קאָנט באַפרוכפּערן דעם מאָדערנעם געשיכטלעכן ראָמאַן, וועלכן מיר
געפינען אין אונזער ליטעראַטור. און איך מוז גלייך דערקלערן, אַז
איך האַלט זיי אַלע, די נאָר וואָס דערמאָנטע סיבות פאַר „סיבות״ (אין
גענזנפיסלעך !). נישט קיין „עסטעטישע פיינשמעקעריי״ און אויך נישט
קיין קעגנוואַרטס־פּעסימיזם, נישט קיין סתם קאָנסטרוקטיוויסטישע שפּי־
לעריען און אויך נישט קיין ראָמאַנטישע חלומות — נישט דאָס זענען
די קוואַלן, פון וועלכע עס שעפּט דער מאָדערנער יידישער שרייבער
דעם אינטערעס פאַר געשיכטלעכע טעמעס, און עס זענען דאָס אויך
נישט די מאָטיוון, וועלכע באַשטימען די פאַרינטערעסירונג פון אונזער
לעזער מיט געשיכטלעכע ערציילונגען און ראָמאַנען. דער יידישער גע־
שיכטלעכער ראָמאַן, וואָס האָט זיך באַוויזן אין די לעצטע יאָרן, איז
אַ יינגע פלאַנצונג, וואָס וואַקסט־אַרויס פון אַ גאַנץ אַנדערן באָדן. ער־
מאַכט אויף אונז אַזאַ רושם צוליב גאַנץ אַנדערע טעמים. ער איז אַ
געשיכטלעכער ראָמאַן, בלויז אויסערלעך, לויט דעם קינסטלערישן
כלי זין, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך. אָבער אינערלעך איז ער די
סאַמע היינטיקסטע קעגנוואַרט און ווי אַ מאָל באַרירט ער מיט זיין „גע־
שיכטלעכער טעמע״ פראַגן פון אונזער צוקונפט, די סאַמע אַקטועלסטע
פראַגן פון אונזער צוקונפט. די מחברים פון דעם מין געשיכטלעכן
ראָמאַן זוכן נישט אַ וועג, ווי זיך צו פאַרגעסן, צו פאַרלירן אין
די טויזנטער פּרטים פון פאַרגאַנגענע, נישט מער אַקטועלע לעבנס־
עפּיזאָדן. פונקט פאַרקערט: זיי אַקטואַליזירן דאָס פאַרגאַנגענע, בינדן
צונויף די פעדים צווישן „נעכטן״ און „היינט״, שאַפן פאַר דער פאַר־
גאַנגענהייט אַן עכאָ, אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג אין דער געגנוואַרט און
פאַר דער געגנוואַרט דעם יחוס־בריוו פון „נעכטן״. און אָט דער דאָזי־
קער לעבעדיקער צוזאַמענהאַנג צווישן „נעכטן״ און „היינט״, וואָס פיל־

not an escape from reality; rather a counterweight
transtemporal & collective perspective

זיך אַרויס פון די דערמאָנטע ראָמאַנען, דירעקט, אַז דו באַנעמסט די העלדן, די ראָמאַן־פיגורן, זייערע לעבנס־סיטואַציעס, פּראָבלעמען און ראַנגלענישן, ווי די פּראָבלעמען און קאַמפן פון דיין אייגענער צייט. מאַך בלויז צו די אויגן, פאַרגעס אַ ווײַלע אָן דעם דעקאָראַטיון עלעמענט אין די דאָזיקע געשיכטלעכע ראָמאַנען, אָן די מלבושים, מיט וועלכע עס זענען באַקליידט די ראָמאַן־„העלדן״, פאַרגעס אין דאָס ביסל צייטלעך־פאַרגענגלעכע, מיט וועלכן זיי זענען באַהאָפטן, נעם זיי מוטער־נאַקעט, אַזוי ווי זיי זענען אינערלעך מיט זייערע ליידנשאַפטן, געדאַנקען, זאָרגן און האָפנונגען און דו וועסט פּלוצלינג דערבליקן זיך אַליין, דיינע אייגענע טיפענישן און פלאַכקייטן, זיך אַליין און די מענטשן, וואָס לעבן מיט דיר, נעבן דיר אָדער קעגן דיר... דו זעסט דאָס אַלץ ווי אין אַ פאַרגרעסערונגס־שפּיגל, בולט, מיט שאַרפע קאָנטורן, דערפירט צו אַ גראַנדיאָזער, ווי אַ מאָל געשפּענסטישער מאָנומענטאַלישקייט. עס פאַלן די מחיצות, וואָס האָבן אָפּגעשיידט דיך און דיינע מיט־מענטשן פון דיינע און זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס, עס באַווייזט זיך די אָרגאַנישע קייט פון דורות און דו וווּנדערסט זיך ווי ווייניק עס האָט זיך געענדערט דער מוטער נאַקעטער מענטש, דו וווּנדערסט זיך, ווי שנעל עס לויפט די צייט און ווי לאַנגזאַם, שנעקיש־לאַנגזאַם עס בייט זיך די מוטער־נאַקעטע מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע... און דו ווערסט ביי זיך געלאַסענער, רויקער און מילד. דו וואַנדערסט צווישן די אַזוי־בילדער פון דיין אייגענער נשמה; דו זעסט דיינע מעגלעכקייטן און באַגרענעצונגען, דיינע צייטלעכקייטן — צופעליקייטן און יענע טיף פאַרוואָרצלטע, דורך געשיכטלעכע איבערלעבונגען איינגעפלאַנצטע אייגנשאַפטן, וואָס זענען דיין גליק און אומגליק. עס באַרייכערט זיך דיין באַוווּסטזיין מיט אַ נייער דערקענטניש: דו האָסט פריער געהאַלטן דיין „איך״ פאַר עפּעס זעלבסשטענדיקעס, איינמאָליקעס, אייגנאַרטיקעס — און איצט זעסטו, אַז דו ביסט אַ צווייג פון אַ גרויסן, אור־אַלטן בוים מיט טויזנטער און איבערטויזנטער צווייגן, אַז דו ביסט אַ פאָדעם, וואָס איז איינגעפעדעמט אין אַלטע, אור־אַלטע פּרוכתן... דו האָסט פריער געזוכט דעם אָריגינעלן, נייעם שטריך אין דיין קעגנוואַרט, איצט זעסטו, אַז דאָס „אָריגינעלע״, „נייע״ איז צייטלעך־פאַרגענגלעך און אָן אַ גרעסערע באַדייטונג פאַר דיין קיום. וואַנדערט איצט דיין בליק פון

oceanic feeling

צווייג צו בוים, פון גליד צו אָרגאַניזם, פון פּרט צו כּלל, פון פאַר־בענגלעכקייט צו דויערהאַפטיקייט, צו... געשיכטלעכקייט.

אַזוי באַנעם איך דעם מאָדערנעם געשיכטלעכן ראָמאַן אין אונזער ליטעראַטור, דאָס זענען לויט מיין מיינונג די מאָטיוון, וועלכע האָבן געשטויסן אונזערע מחברים אויפן דאָזיקן ביז איצט פאַרוואָרלאָזטן גע־ביט פון שאַפן. דאָס איז נישט קיין אַנטלויפן פון דער קעגנוואַרט, נאָר אַ פאַרטיפן זיך אין אירע פּראָבלעמען, אַ וואַנדער־וועג צו די וואָרצלען.

2

די יידיש־געשיכטלעכע טעמעס פון די מאָדערנע ראָמאַנען זענען נישט קיין צופעליקע, צופעליק אויסגעקליבענע, נאָר טיף צוגעטראַכטע און געוועלטע. דער מחבר קלייבט זיי שטייענדיק אונטער דער השפּעה פון דער געגנוואַרט און אירע אָנגעווייטאָגטע פּראַגן. די געגנוואַרטס־פּראָבלעמען זענען דער אויסגאַנגס־פּונקט, פון וועלכן ער הויבט־אָן זיין וואַנדערונג איבער די געשיכטלעכע פּייזאַזשן.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן ביי אַ פּאָר ביישפּילן: אַפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער" זענען באַפליגלט פון דעם דורכויס לעבעדיקן פּראָבלעם וועגן די צוזאַמענהאַנגען צווישן דעם פּוילישן פּיזישן און גייסטיקן פּייזאַזש פון איין זייט און די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פונם פּוילישן ייד פון דער אַנדערער זייט.

אין אַשס „קידוש השם" ווערן אַנטשליירט די וואָרצלען פונם „שטעטל", די וואָרצלען פון יענעם פּאַטאָס, וואָס האָט פאָרמירט דאָס „שטעטל", סיי זיין אידיליע, סיי זיין טראַגישע העלדישקייט.

דעמזעלביקן וועג צו די שענקייטן און טראַגישע העלדישקייטן פונם אַלט־נייעם שטעטל געפינען מיר אויך אין אַשס „כּישופמאַכערין פון קאַסטיליען"

פּונקט אַזוי בולט אַנטפּלעקט זיך דער צוזאַמענהאַנג צווישן געגנ־וואַרט און פאַרגאַנגענהייט אין די געשיכטלעכע ראָמאַנען, מיט וועלכע עס האָבן אונז אין דער לעצטער צייט באַרייכערט די טיף־יידישע מחברים, וואָס שרייבן אָבער דייטש, ווי מאַקס בראָד און ליאָן פייכטוואַנגער. מאַקס בראָד גיט אונז אין זיין גרויסן ראָמאַן „דוד ראובני, דער פירשט פון יידן" — דעם העלדן־עפּאָס פונם מאָ־

Max Brod

Feuchtwanger

דערנעם ציוניזם. ליאָן פייכטוואַנגער פּרוּווט אין זיין גראַנדיאָזן ראָמאַן „ייד־זיס" (־אָפּענהיימער) צו אַנטשלייערן דעם סוד פון דער יידישער נשמה, אַזוי ווי זי איז פאָרמירט געוואָרן אין משך פון דער טויזנטיאָריקער געשיכטע.

מיר האָבן אויבן אין אונזער איבערבליק באַרירט די? פּאַמע בעסטע און וויכטיקסטע געשיכטלעכע ראָמאַנען, מיט וועלכע עס האָט אונז באַשאָנקען אין די לעצטע פאָר יאָר דער יידישער, שאַפערישער גייסט. און עס איז כדאי אין די ראַמען פון אונזער איצטיקער, אַלגעמיינער באַטראַכטונג, נאָך אָנצומערקן איינעם, אַ זער כאַראַקטעריסטישן שטריך פון די דאָזיקע ראָמאַנען. שוין פון די אויסגערעכנטע טיטלען איז צו זען, אז אונזערע ראָמאַנען־שרייבער דערווייטערן זיך פון ביבלישע טעמעס און שטעלן זיך אָפּ ביי עפּיזאָדן פון אונזער געשיכטלעכן גלות־לעבן, מערסטענטיילס ביי עפּיזאָדן זינט דעם אָנהויב פונם 16־טן י"ה. מאַקס בראָד און אַש (כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען) באַהעפטן זייער שאַפע־ישן בליק מיטן יידישן לעבן בעת דער שטורמישער צייט פון רעפאָרמאַציע און רענעסאַנס (סוף 15־טן — אָנהויב 16־טן י"ה.) אַש מאַכט אויך אַ וואַנדערונג איבער די יידישע קיבוצים אין אוקראַינע בעת דער ערשטער העלפט פון 17־טן י. ה. ביז צו דער קאַטאַסטראָפע אינם יאָר 1648 („קדוש השם"). ליאָן פייכטוואַנגער באַהאַנדלט אַ טעמע פון 18־טן י"ה אַם מערסטן דערנענטערט זיך צו אונזער צייט אָפּאַטאָשו, וועלכע באַהאַנדלט אין זיינע „פוילישע וועלדער" אין זיין „יאָר 1863" דאָס יידישע לעבן אין דער צייט פון די לעצטע צוויי פוילישע אויפשטאַנדן (1831 און 1863).

דער פעסטגעשטעלטער פאַקט איז נישט קיין צופאַל, ער איז טיף באַגרינדעט אין דער גייסטיקער אַטמאָספערע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אונזער אויסגערייפטער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אין דער יוגנט־צייט פון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג האָט אונזער ראָמאַן־ליטעראַטור געהאַט צוויי הויפּט־אַקאָרדן: אַ נעגאַטיווע באַציונג צו דער יידישער, גלותדיקער געגנוואַרט (מענדעלע!) און אַ ראָמאַנטישן פלוג צו די צייטן פון יידישער, מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט (מאַפּוס „אהבת ציון"!).

דאָס צוויטויזנט יאָריקע וואַנדערלעבן מוז אויסגעמעקט ווערן פון אונזער נשמה, די באַנייונג איז ציון, דאָרט אהין ציט זיך אונזער ליבע אונזער האָפן! ביי פיאָנערן - פּראָפּאַגאַנדיסטן מיט זייער ליידנשאַפטלעכקייט און גלויביקער נאַיווקייט איז אַזאַ שפּרונג פון גלות צו די גראַניטענע שיכטן פון יידישן גייסט, צו ציון — אַ פאַרשטענדלעכע און נאַטירלעכע ערשיינונג. אויף די פליגלען פון באַגייסטערונג און גלויבן פליט דער פיאָנער איבער תּהומות פון צווייטויזנט-יאָריקער געשיכטע; ער זעט נישט, אַז אויף די גראַניטענע שיכטן פון דעם ביבלישן גייסט זענען בעת דעם געשיכטלעכן גלות אָנגעוואָרפן געוואָרן נייע שיכטן, קאַלך-שיכטן און ליים-שיכטן, ער וויל נישט זען און זעט נישט די פאַרענדערונגען און נייע ווערטן, וואָס זענען צוגעקומען מיט דער צייט, ער שטורעמט מיט אימפּעט פאָרוועררס, ער שטורעמט — פאַרשטייט זיך — בלויז אין דער וועלט פון געדאַנקען, ער שטייט נאָך נישט פאַר פראַגן פון פאַרווירקלעכונג און אחריות. קאָן ער טאַקע לייכט שפּרינגען און איבערשפּרינגען די טויזנטער פּרטים, וואָס געפינען זיך אויפן וועג פון געדאַנקען און חלומות צו פאַראַנטוואָרטלעכע מעשים.

אין אַ גאַנץ אַנדערע סיטואַציע געפינט זיך דער איצטיקער יידישער קינסטלער. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט שוין לאַנג הינטער זיך איר „שטורם און דראַנג", זי איז אויסגעוואַקסן און אַריינגעטרעטן אין דער תּקופה פון פאַרווירקלעכונג, פון מעשים. אַלץ מער און מער שטויסט זיך אָן די באַוועגונג אָן די שוועריקייטן פונם יידישן מענטש, וועמענס גורל זי טראָגט מיט אירע כוואַליעס. אין די קינדער-יאָרן פון דער באַוועגונג האָט מען געהאַט אין אַ געוויסן זין אַ מ ע כ אַ נ י ש ע באַציונג צו דעם יידישן מענטש: דער נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט אָפּערירט מיט מליצות, פּראָגראַמען און עס האָט זיך געדוכט, אַז די לאָזונג, דאָס „נייע וואָרט" קאָן ווירקן ווי אַ כשוף, אַז עס קלעקט, למשל, אַרויסצוזאָגן דאָס וואונדער-וואָרט „ציון" און דער יידישער מענטש מיט זיין צווייטויזנט-יאָריקער גלות-געשיכטע וועט מיט אַ מאָל מגולגל ווערן אין אַ מענטש פונם ביבלישן אַלטערטום. זענען אָבער קיין נסים נישט געשען! דער געשיכטלעך אויסגערייפטער מענטש — און אַזאַ מענטש איז דער ייד — קאָן נישט צוריק צו זיין פּסיכאָלאָגיע פון פאַר צווייטויזנט יאָרן! די מענטשלעכע מעהנשאַיז נישט קיין טאָוול, ווו דו קאָנסט יעדעס מלאַ

אויסמעקן דאָס אָנגעשריבענע חאָרט און אַריינשרייבן אַ ניי וואָרט, נייע חלומות און געדאַנגען. מיר זענען נישט קיין tabula rasa, אַ ריין בלאַט פאַר שפּאָגל-נייע פאַרשרייבונגען. די מענטשלעכע נשמה — אַ tabula rasa! — אַזוי האָט מען געהאַלטן אין דער יוגנט-צייט פון איירָאָפּעישן ראַציאָנאַליזם, אַזוי איז געווען די אויפפאַסונג אויך אין אונזער ראַציאָנאַליסטישער תקופה, אין דער צייט פון דער השכלה, וואָס האָט באַרירט מיט אירע פליגלען דאָס וויגעלע פון אונזער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. די דאָזיקע אויפפאַסונג האָט אָבער באַנקראָטירט אויף דער גאַנצער ליניע און איר באַנקראָט האָט זיך געמוזט אַנטפּלעקן אויך ביי אונז יידן. עס איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז די מענטשלעכע נשמה איז אַ געשיכטלעך פאָרמירטער פּראָדוקט, וואָס האָט זיינע געשיכטלעך באַשטימטע מעגלעכקייט און אוממעגלעכקייטן. וואָס מערער מיר האָבן זיך באַפרייט פון דער משכּילישער מליצה (וואָס האָט געשטעקט אין אונזער יונגן נאַציאָנאַליזם), אַלץ מערער איז געוואַקסן אונזער פאַרשטענדניש פאַר אָ ר ג אַ נ י ש ע צוזאַמענהאַנגען, פאַר געשיכטע! וואָרים איז דען געשיכטע עפּעס אַנדערש, ווי דאָס זוכן און אַרויסגעפונען די לעבעדיקע בלוט-שטראָמען פון „נעכטן", וואָס פליסן און צעגיסן זיך אין די אָדערן פונם „היינט"?! אַזוי איז געשאַפן געוואָרן פאַר דעם הייגטיקן יידישן קינסטלער-ליטעראַט אַ נייער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער נשמה. די גרינגשעצונג, אויב נישט פאַראַכטונג, מיט וועלכער עס האָט זיך אַ מאָל דער משכּילישער ליטעראַט באַצויגן צום „נעכטן", האָט זיך איבערגעביטן אין אַכטונג און פאַרשטענדניש. ווילנדיק געפינען אַ ריכטיקע דערקלערונג פאַר דעם נאַציאָנאַלן „היינט", פאַר זיין אייגענעם באַוווסטזיין אָדער אונטערבאַוווסטזיין, האָט דער קינסטלער אויפגעריסן די ענגע רעמלעך פון זיין צופעליקן „איך" און געזוכט זיין נאַציאָנאַלן „איך", וואָס איז אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פון דורות. דערמיט איז ער געוואָרן דער ריכטיקער באַגלייטער און ווי אַ מאָל אויך דער פאָרויסלויפער פון דער אָרגאַניש-אויפגעפאַסטער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

פון אַזאַ באַוווסטזיין איז אַרויסגעוואַקסן דער מאָדערנער יידישער היסטאָרישער ראָמאַן. איז טאַקע נישט קיין חידוש, וואָס דער מאָדערנער ראָמאַן-שרייבער, אויב ער האָט זיך געווענדט צו געשיכטלעכע טעמעס, האָט נישט געקאַנט פאַרגעסן אין יענע, גלותדיקע קאַלך- און ליים-

שיכטן, וואָס האָבן מיטבאַשטימט די היינטיקע פיזיאָנאָמיע פונם יידישן מענטש, די חלומות זיינע און די מעשים זיינע, מיט וועלכע ער שאַפט זיך די וועגן צו זיין נאַציאָנאַלער באַנייונג און באַפרייונג. גלייכצייטיק ווערט אויך קלאָר דער נייער אופן, אויף וועלכן דער מאָדערנער יידישער ליטעראַט באַשטימט זיין באַציונג צו די לאָזונגען, וואָס קלינגען אין דער יידישער גאַס. דאָס „נייע וואָרט״ האָט נישט מער יענע ווירקונג, וועלכע עס האָט אַ מאָל געהאַט אויף דעם משכּילישן שרייבער. דער לעצטער האָט זיך לייכט אָנגעצונדן ביים „נייעם וואָרט״, ווייל עס איז געווען ניי און „אַנדערש״, ווי די „האָכעדיקייט״ און „אָפּגעשטאַנענקייט״ פונם יידישן וועלטל. אויף דעם מאָדערנעם שרייבער איז דאָס „נייע וואָרט״ משפּיע ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט עס באַנומען ווי אַן „אַלט־ניי וואָרט״, ווי אַ לאָזונג, וואָס איז האַלטלעך האָט זי געלעבט אויך אין די אַ מאָליקע דורות און וואָס האָט זיך געביטן ביים היינטיקן דור בלויז לויט דער פאָרם, לויט דעם אויסדרוק.

דאָס „נייע״ ווערט באַרעכטיקט נאָר דעמאָלט, ווען עס איז פאַרוואָרצלט אינם „אַלטן״, ווען עס איז אָרגאַניש פאַרוועבט מיט די „אייביקע ווערטן״ פון דער יידישער נשמה. דעם דאָזיקן וועג האָט אין אונזער ליטעראַטור, אַלס ערשטער באַטרעטן י. ל. פּרץ („חסידות״, „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״), אונזער ערשטער גרויסער קינסטלער, וואָס האָט גובר געווען די השכּלה.

אויפן דאָזיקן וועג געפינען מיר איצט די בעסטע דיכטער אונזערע.

רעקטער צוטריט צו גייסטיקייטן. און עס איז זינלאָז צו קומען צהער־ מיט טענות ומענות װעגן מערער פלאַסטיש אָדער װייניקער פלאַסטיש. דאָרט װו פּרץ האָט זיך געפינען, איז יעדע שורה געבילדלעכט, יעדע פראַזע אַ געשלאָסענע קאָמפּאָזיציע. יעדעס זייטל אַ פּיראַמידע. װען די קריטיק װאָלט אים אַזוי תּופס געװען, װאָלט זי אונז גלייכצייטיק דערציילט נאָך עפּעס, װאָס איז גאָר װיכטיק. אַז פּרץ האָט געפינען פ אַ ר מ אָ ד ע ר נ ע ם א י נ ה אַ ל ט י י ד י ש ן ס ט י ל. און עס װאָלט געװעזן ריכטיק. אויב מען האָט מענדעלי מוכר ספרים געקריינט מיטן טיטול: „דער שעפער פון נוסח", איז עס טאַקע אין אַ געװיסער מאָס אמת. אָבער אין בעסטן פאַל איז ער דער שעפער פון שאַבלאָנעם קונסט-נוסח. פּרץ אָבער איז דער יוצר פון דעם איבערשפּרינגענדיקן, גוף-אויסמיידנדיקן, פאַרצייטיק-יידישן נוסח פאַר דער נייער קונסט, װעלכער הייבט אָבער אָן אַ דאַנק דעם צו װערן עפּעס מער, עפּעס העכער װי קונסט.

יאָ. די יידישע קריטיקער װאָלטן אונז געקענט פיל, זייער פיל זאָגן. און זיי װעלן נאָך זאָגן. אָבער דעמסמאָל װען זיי װעלן נישט אָפּערירן בלויז מיט ליטעראַטור-חכמה. אַװדאי איז קריטיק באַװוסטזיין, שׂכלדיקייטן, אָבער װי פלעגן זאָגן די אַלטע: „נישט דער שׂכל אַליין בלויז, נאָר דער שׂכל װאָס װערט געשפּייזט פון געקסאַר."